150סטער נומער ידיעות פֿון ייִוואָ

# ידיעות פֿון ייִוואָ

נומער 150 — סעפּטעמבער 1979

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, 1048 פֿינפֿטע עוועניו, ניו־יאָרק, 10028

## וועלט־קאָנפֿערענץ פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג אין אָקספֿאָרד

אין אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט, ענגלאַנד, צוויי טריט פֿון דער באָדלעיאַנער־ביבליאָטעק, האָבן 75 וויסנשאַפֿטלערס פֿון צען לענדער זיך פֿאַרזאַמלט פֿונעם 6טן ביזן 9טן אויגוסט, 1979 אויף דער וועלט־קאָנפֿערענץ צו פֿאָרשן די ייִדישע שפּראַך און ליטעראַטור. ווי עס גיט איבער דוד ראָסקעס, איינער פֿון אירע אָנטייל־נעמערס, איז די סבֿיבֿה געווען אַ גינציקע אויף אויסצוהערן די העכער 40 רעפֿעראַטן געהאַלטן אויף ייִדיש, ענגליש, העברעיִש און דײַטשיש. די מיליע איז געווען אַ ספּעציעל פּאַסיקע, וואָרעם דווקא אין ענגלישע אוני־ווערסיטעטן האָבן זיך אויפֿגעהיט די עלטסטע מקורים אויף ייִדיש.

דאָס ערשטע האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן די אײַנטיילונג פֿון אַרבעט צווישן די דרײַ צענטערס פֿון דער הײַנטיקער ייִדיש־פֿאָרשונג: אין צפֿון־אַמעריקע פֿאַרנעמט מען זיך דער עיקר מיט ייִדישער לינגוויסטיק און מיט עסטעטישע פּראָבלעמען און קריטישע אָפּשאַצונגען

(המשך אויף זז׳ 2 און 4)



אָנטייל־נעמערס אין דער אָקספֿאָרד־קאָנפֿערענץ. פֿון רעכטס צו לינקס: דוד־הירש ראָסקעס (ניו־יאָרק); דבֿורה ביליק (מערילאַנד); יעקבֿ מײַטליס (לאָנדאָן); חנא שמערוק (ירושלים); שמואל ווערסעס (ירושלים); דזשאַנעט האַדאַ (לאָס־אַנדזשעלעס); היו דענמאַן (בעלפֿאַסט); שׂרה־חנה זלאָטניק (קאָלומבוס, אָהײַאָ); ראובֿן פֿײַן (ניו־פּאַלץ, נ״י); שׂרה צפֿתמאַן (ירושלים); אַריה פּילאָווסקי (חיפֿה); יחיאל שיינטוך (ירושלים).

Participants in the Oxford-Conference. From left to right: David G. Roskies (New York); Dorothy Bilik (College Park, Maryland); Jacob Maitlis (London); Chone Shmeruk (Jerusalem); Shmuel Werses (Jerusalem); Janet Hadda (Los Angeles); Hugh Denman (Belfast); Susan Slotnick (Columbus, Ohio); Richard Fein (New Paltz, NY); Sarah Zfatman (Jerusalem); Aryeh Pilowsky (Haifa); Yehiel Sheintuch (Jerusalem).

## צום הונדערטסטן געבוירן־יאָר פֿון אַלבערט אײַנשטיין

### רוף פֿון אײַנשטיין, פֿרויד, דובנאָוו און אַנדערע ייִדישע געלערנטע צו שטיצן דעם ייִוואָ



הײַיאָר פֿאַלט אויס דער 100־יאָריקער געבוירן־טאָג פֿון פּראָפֿ׳ אַלבערט אײַנשטיין, וועלט באַרימטער ייִדישער וויסנשאַפֿטלער.

אײַנשטיין איז אין זײַן צײַט געווען דער ערן־פֿאָרזיצער פֿון קוראַטאָריום פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. זינט נאָכן לעצטן חורבן איז דער ייִוואָ אין ניו־יאָרק געוואָרן דער וועלטצענטער פֿון ייִדישער וויסנשאַפֿט־לעכער פֿאָרשונג. די הײַנטיקע הצטרכותן פֿון ייִוואָ זײַנען פֿילפֿאַכיק זיך צעוואַקסן, פּונקט ווי זײַנע היגע צעצווײַגטע אַקטיוויטעטן זײַנען קאָלאָסאַל פֿאַרגרעסערט געוואָרן.

דעם רוף פֿון די ייִדישע וועלט־געלערנטע מיט אײַנשטיינען בראָש, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער אין שײַכות מיט העלפֿן דעם ווילנער ייִוואָ, האָבן מיר אַרויסגענומען פֿון ידיעות נומ׳ 31, אַפּריל 1930.

דער רוף איז נאָך הײַנטיקער, ווי דעמאָלט.

## צו דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט

דאָס ערן־פּרעזידיום פֿון קוראַטאָריום פֿונעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

(סוף אויף ז׳ 3)

## קאָנפֿערענץ פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג אין אָקספֿאָרד

(המשך פֿון ז׳ 1)

פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור; אין ישׂראל — מיט דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע; און אין דײַטשלאַנד — מיט דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור. שוין באַלד פֿון אָנהייב האָט זיך געשאַפֿן אַ בשותּפֿותדיקע שפּראַך וואָס האָט דערמעגלעכט די פֿאָרשערס סײַ זיך צונויפֿצורעדן און סײַ צו פֿירן וויכּוחים.

רעפֿעראַטן זענען געהאַלטן געוואָרן צוויי מינים: בײַ די פֿרימאָרגן־סעסיעס זענען די רעפֿעראַטן געווען פֿולע און דער פֿאָרשער האָט פֿונאַנדערגעוויקלט אַ ברייטן טעזיס. נאָך מיטאָג און אין אָונט זענען אָפּגעגעבן געוואָרן קירצערע באַריכטן וועגן פֿאָרשונג אין גאַנג פֿון דער אַרבעט.

די ערשטע פֿרימאָרגן־סעסיע האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן קיימברידזשער כּתבֿ־יד פֿון 1382. וואָלטער ריל פֿון טריערער אוניווערסיטעט האָט אַרומגערעדט דעם ליטעראַריש־היסטאָרישן הינטערגרונט פֿון די אַלט־ייִדישע עפּאָסן אויף תּנכישע מאָטיוון — פֿון וואַנעט זיי שטאַמען און פֿאַר וואָס מע האָט זיי פֿאַרשריבן. חנא שמערוק פֿון ירושלימער אוניווער־סיטעט האָט געניצט דעם קיימברידזשער כּתבֿ־יד ווי אַ לעצטגילטיקע ראַיה אַז די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור איז אַרויסגעוואָקסן פֿונעם קרײַז סופֿרים און נקדנים (פּונקטואַטאָרס), און ניט פֿון די אַזוי גערופֿענע שפּיללײַט („שפּילמענער״). די שפּילמאַן־טעאָריע — לויט שמערוקן — האָבן טייל פֿאָרשערס אומקריטיש איבערגענומען פֿון די דײַטשן. זײַן טענה איז, אַז פּאַקטיש זענען בכלל ניטאָ קיין באַווײַזן פֿון שפּיללײַט אין דער מיטלעלטערישער ייִדישער סבֿיבֿה. דערבײַ האָט מען דיסקוטירט דעם וויכטיקן חילוק צווישן טראַנסקריבירטע און איבער־געזעצטע ייִדיש־נוסחאָות פֿון דער דײַטשישער פֿאָלקס־ליטעראַטור.

בײַ דער צווייטער פֿרימאָרגן־סעסיע האָבן גערעדט איתמר אבֿן־זוהר און מנחם פּרי (פּערי), ביידע פֿון תּל־אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט און ביידע — וועגן דער צווישנבאַציִונג פֿון ייִדיש און העברעיִש. אבֿן־זוהר האָט באַטאָנט אַז די ספּעציפֿישע שײַכותן פֿון ייִדיש און העברעיִש קענען דינען ווי אַ מוסטער פֿון ליטעראַרישע פּאָליסיסטעמישקייט בײַ אַלע פֿעלקער און דאָ איז ניט שייך צו באַשטימען אַז איין קולטור איז מינערווערטיק לגבי דער צווייטער. פּרי האָט פֿאַרגליכן די ייִדיש־ און העברעיִש־נוסחאָות פֿון זעלבן ווערק בײַ מענדעלע מוכר־ספֿרים און ביאַליקן און האָט באַוויזן אַז אויף יעדער פֿון די צוויי שפּראַכן שאַפֿט זיך אַן אַנדער רעאַליטעט פֿון צײַט, אָרט און דערעיקרשט פֿון אידעעס. ער האָט באַטאָנט אַז דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דוחק אין פּאַסיקן וואָקאַבולאַר. אין ביאַליקס „שחיטה־שטאָט״, למשל, איז די באַציִונג צווישן גאָט און מענטש אַן אינטימע, בעת אינעם העברעיִשן „בעיר ההריגה״ באַשרײַבט ער אַ דערווײַטערטן גאָט וואָס רעדט צו זײַן געזאַלבטן נבֿיא.

אין דער דריטער פֿרימאָרגן־סעסיע האָט רות ווײַס פֿון מעגיל־אוניווערסיטעט רעפֿערירט וועגן דעם אָרט פֿון אַמעריקע אינעם וועלטבאַנעם און אין דער פּאָעטיק פֿון „די יונגע״. פֿון זײַן אַ נײַע היים, אַ נײַע לאַנדשאַפֿט און אַ נײַע אַרענע אויף צו אַנטדעקן זיך אַליין, איז אַמעריקע — לויט ווײַסן — געוואָרן פֿאַר „די יונגע״ אַ גלות, אַן אָרט ווו די געזעלשאַפֿטלעכע אידעאַלן, די שפּראַך און אַפֿילו די ייִדן גופֿא זײַנען זיי געוואָרן פֿרעמד.

די טעמע פֿון דער לעצטער פֿרימאָרגן־סעסיע, דאָנערשטיק דעם 9טן אויגוסט, איז געווען „נײַע פּערספּעקטיוון צו דער געשיכטע פֿון ייִדיש״. וועראַ באַוויסקאַר פֿון קאָלאָמביע־אוניווער־סיטעט, ווי אויך די דיסקוטאַנטן עדוואַרד סטאַנקעוויטש און חיים פּייפּער, האָבן אויסגערעכנט אַ צאָל סטרוקטורעל־דיאַלעקטאָלאָגישע און דיאַכראָניש־לינגוויסטישע פּראָבלעמען וואָס דער ייִדישער שפּראַך־ און קולטור־אַטלאַס וועט קענען העלפֿן לייזן. די דיסקוטאַנטן האָבן באַטאָנט דעם פֿאַקט, אַז דער גרינדער פֿון אַטלאַס האָט כּסדר געהאַלטן אין אויג ווי אַזוי די מאַטעריאַלן וועלן קענען דינען דער ייִדישער געשיכטע בכלל. דערנאָך האָבן דרײַ פֿאָרשערס גערעדט אויף טעמעס וואָס האָבן אַ שײַכות צו די הויפּט־קאָמפּאָנענטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך: ראָבערט קינג פֿון טעקסאַסער אוניווערסיטעט אין אָסטן — וועגן דעם דײַטשישן קאָמפּאָנענט, עדוואַרד סטאַנקעוויטש פֿון יעיל־אוניווערסיטעט — וועגן דעם סלאַווישן עקספּרעסיוון קאָמפּאָנענט און דוד קאַץ פֿון אוניווערסיטעטישן קאָלעדזש אין לאָנדאָן — וועגן דעם לשון־קודשן קאָמפּאָ־נענט. קינג האָט געפּרוווט דערווײַזן אַז דער בײַערישער דיאַלעקט האָט מער נאָך אידער אַנדערע דײַטשישע דיאַלעקטן געשפּילט אַ מכריעדיקע ראָלע אין דעם בראשית פֿון ייִדיש. זײַן טעזע האָט אַרויסגערופֿן שאַרפֿע חילוקי־דעות.

איינער פֿון די הויכפּונקטן פֿון דער סעסיע איז געווען דער רעפֿעראַט פֿון דוד קאַץ. אין

(סוף אויף ז׳ 4)

### ייִוואָ־ביבליאָטעק־פֿאָנד

די ייִוואָ־ביבליאָטעק דאַרף האָבן אײַער הילף צו זאַמלען און אויפֿצוהיטן די אוצרות פֿון אונדזער קולטור־ירושה. אײַער נאָמען וועט אײַנגעשריבן ווערן אין די ביכער וואָס מען קויפֿט מיט דער הילף פֿון אײַער בײַשטײַער.

### שטיצט די ייִוואָ־ביבליאָטעק

די טשעקן דאַרפֿן אויסגעשריבן ווערן אויפֿן נאָמען פֿון YIVO Library Fund. אַלע בײַשטײַערס קען מען אַרונטעררעכענען פֿון מלוכה־שטײַערן.

פֿאָרגעלייגטער מינימום: $10.00

נאָמען ....................

אַדרעס ....................

....................

אײַנשריפֿט ....................

### די ייִוואָ־ביבליאָטעק באַדאַנקט די ווײַטערדיקע בײַשטײַערערס צום ייִוואָ־ביבליאָטעק־פֿאָנד

אײַזיקס, דזשעראָם
באַראָן, טשאַרלז
בעכאָר, מאַלווינאַ ב.
בערגער, פּערל
גאָלאָד, אַרטור (אין אָנדענק פֿון שמעון דאַווידאָוויטש)
גאָלד, רפֿאל, ראַבײַ
גאָלדען, פֿיליפּ ס. און סוזען ע.
גראַנאַט, דזשעראָלד און עלען
האַוציג, אסתּר
האָפֿמאַן, הערבערט ס.
האַסס־ווײַנבערג, בעלאַ (אין אָנדענק פֿון טאַמאַראַ גאָטמאַן)
וועקסלער, גאָלדע (אין אָנדענק פֿון פּאָול ריטערבאַנד)
ווילנער, אסתּר
זיוו, מיוריעל
טײַלער, מ. ק.
טעפּער, שמואל
ייִדישער קאָמיוניטי־צענטער, ראַטשעסטער
לאַכמאַן, סאָל פּ.
ליווינגסטאָן, עמנואל און דזשולי
מאַקס ווײַנרײַך־צענטער־סטודענטן 1978־79
סטאָניברוק „אָרט״ (אין אָנדענק פֿון נאָרמאַן ראַבינאָוויטש)
סאַפּאַקאָף, עלענאָר (אין אָנדענק פֿון שמעון דאַווידאָוויטש)
פּעלטאַ, פּ׳ און פֿר׳ האַראָלד
קאַזשדאַן, חיים ש.
קוועסקין, שמואל
קופּער, דינה
רעדל, העלען ב.
שוואַרץ, בוירטאָן
שטיינמעץ, סאָל און צפּורה

האָט איר שוין צוגעשיקט אײַער ייִוואָ־בײַשטײַער פֿאַרן יאָר 1979?